א. די קריאה בתורה פון היינטיקן שבת איז פ' ויחי – וואס תורה איז דאך א תורת חיים, א תורה וואס באלייכט און גיט אן אנווייזונג אויף דעם וועג פון לעבן. און ס'איז אויך א תורת אמת, אז ניט נאר וואס תורה ווייזט אן אויף אן ענין, און איז בלויז א הכנה אויף א צווייטן ענין, און אליין איז עס ניט קיין מציאות פאר זיך, נאר תורה איז א תורת אמת, דאס איז א מציאות און א תכלית פאר זיך אליין; ווארום אמת דארף ניט אנקומען צו קיינע ענינים.

ע"ד ווי מ'זאגט חנוך לנער ע"פ דרכו, אז דאס דארף זיין ע"פ דרכו, איז דאס אבער ניט בלויז א הכנה אויף אן ענין וואס וועט קומען שפעטער, נאר דאס אליין איז א תכלית בפני עצמו, ביז מ'בארימט זיך אז גם כי יזקין לא יסור ממנה, אז דאס איז אן ענין וואס בלייבט אויף שטענדיק.

בכללות איז דאס ווי דער ראגאטשאווער זאגט [אעפ"י אז בכלל איז ער דאך אלע מאל האנט אין האנט מיטן רמב"ם, אויך מיט וואס דער רמב"ם זאגט אין מורה נבוכים; חוץ דעם ענין], אז כאטש ס'איז דא א קס"ד אין מורה נבוכים אז עס זיינען דא ענינים אין וועלט וועלכע זיינען ניט מכוונים, און זיי זיינען ניט קיין מציאות בפני עצמן, נאר זיי זיינען א הכנה אויף אן ענין וואס דארף קומען שפעטער, איז דאס אבער אלץ ווי דאס איז אין מורה נבוכים, אבער ווי דאס קומט אראפ אין הלכה, אין יד החזקה, זאגט ער אז אלע ענינים פון וועלט מיט אלע פרטים, האבן א תכלית בפני עצמן און א מציאות בפני עצמן, אפילו די ענינים וואס זיינען לכאורה בלויז א הכנה אויף אן ענין וואס דארף קומען שפעטער.

ע"ד ווי דער ענין פון תפלה, וואס דער רמב"ם זאגט אז דאס איז בקשת צרכיו, אז בשעת מ'האט צרכים טאר מען ביי קיינעם ניט בעטן, נאר לו יתברך, און אויב מ'האט ניט קיין צרכים דארף מען ניט מתפלל זיין. אעפ"כ איז ענין התפלה ניט נאר א הכנה אויף מילוי צרכיו, נאר דאס איז א תכלית בפני עצמה, און דאס איז א מ"ע בפני עצמה, ביז דאס איז דער ענין גדול פון ועבדתם את ה' אלקיכם; ד.ה. אז ניט נאר דאס איז א תכלית בפני עצמה, נאר דאס איז דער כללות הענין פון ועבדתם את ה' אלקיכם.

עד"ז איז אויך דער ענין פון בכל דרכיך דעהו, אז אעפ"י דאס איז ניט דער ענין פון ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט, נאר דאס איז דרכיך, דאס איז נקראת על שמו, און דאס איז אן ענין של רשות, זאגט מען אבער אז דאס איז ניט נאר א הכנה אויף דעם ענין פון תו"מ, נאר אין דעם דרכיך אליין ווערט דעהו.

ובכללות איז דאס (כמדובר כ"פ) דער עילוי וואס ס'איז דא אין בכל דרכיך דעהו אויף כל מעשיך לשם שמים; כל מעשיך לש"ש איז בלויז לשם שמים, משא"כ בכל דרכיך דעהו איז א תכלית בפני עצמה, אז אין דעם דרכיך אליין, אין אכילתו ושתיתו וכו' איז דא דער דעהו, רער דע את אלקי אביך. וואס דאס איז דער
טייטש



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3){19} עמוד מס: 332 הודפ

שייטש פון בכל דרכיך, וואס דער בי"ת איז דער פירוש פון בהון, ובענין, אז אין דעם דרכיך אליין איז דא דער דעהו, דער דע את אלקי אביך.

אזוי איז דאך אויך בנוגע פרשת ויחי: פ' ויחי איז דער אפשלוס פון גאנץ ספר בראשית, וואס ספר בראשית איז דער ענין פון מעשה אבות, ומעשה אבות סימן לבנים, איז דא די זעלבע זאך: פון לשון מעשה אבות סימן לבנים איז משמע אז מ'פרעגט א שאלה פארוואס עס שטייען די מעשה אבות וואס זיינען געשען מיט טויזנטער יאר צוריק, וואס איז דאס נוגע צו וויסן; און מען פארענטפערט אז דאס איז דערפאר וואס סימן לבנים, אז אלע אידן, ביז אידן פון אונזער דור, דארפן ארויסנעמען פון דעם א הוראה אין דעם וועג ווי צו לעבן, וואס מ'דארף יא טאן און וואס מען דארף ניט טאן, וואס איז גוט און וואס טויג ניט.

לפי"ז קומט אויס לכאורה אז דאס איז ניט קיין ענין בפני עצמו, נאר דאס איז בלויז א סימן און א נתינת כח לבנים; זאגט מען אבער אז לאחר וואס דאס שטייט אין תורה, איז דאס אן ענין לעצמו.

דערפאר איז אעפ"י וואס פרשת ויחי איז לכאורה בלויז א הקדמה צו שמות, וואס אין פרשת שמות דערציילט ער דאך ווי אידן זיינען בגלות; אבער וויבאלד דאס שטייט אין תורה, איז דאס א תכלית לעצמו, און דאס איז אן ענין פון אמת, ביז דאס אליין ווערט א הוראה.

והביאור בזה: דער אלטער רבי [וואס היות אז שבת מיני' מתברכין כולהו יומין, איז פון היינטיקן שבת ווערט נתברך דער יום ההילולא פון דעם אלטן רבי'ן, וואס איז ביום הששי שלאחר השבת] איז מבאר אז דאס וואס אין קוראין אבות אלא לשלשה, איז ווייל ביי יעדער איד איז דא אין זיין נשמה דער אברהם שבו און יצחק שבו און יעקב שבו; איז דאך דער ענין פון מעשה אבות אן ענין פון אמת וואס איז איצט אויך פאראן, און ניט נאר אז דאס איז א הכנה צו א צווייטן ענין.

וכנ"ל אז תורה איז תורת אמת, אז ניט נאר אז תורה איז תורת חיים ע"י נר מצוה ותו"א, אז עס גיט א דרך בחיים (וואס לויט דעם איז דאס בלויז א הכנה צו עפעס), נאר די ענינים פון תורה זיינען ניט קיין מסובב פון עפעס, נאר יעדער ענין אין תורה איז אן ענין של אמת, און האט א תכלית בפני עצמו (ווארום עס קען ניט זיין קיין תורה חיים אויב עס איז ניט קיין תורת אמת - איננו ברור).

עפ"ז דארף מען פארשטיין אן ענין אין פרשת ויחי: ער זאגט אין פסוק אז יעקב האט געזאגט צו יוסף (מח,ה) ועתה שני בניך הנולדים לך בארץ מצרים עד באי אליך לי הם אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי. וואס ער זאגט דא אז די שני בניך הנולדים לך בארץ מצרים, און וואס פאר אן אופן אין מצרים - ווי מצרים האט אויסגעזען "עד בואי אליך", נאך פאר דעם ווי יעקב איז געקומען באלייכטן ארמ"צ, איז אעפ"כ "כראובן ושמעון יהיו לי".

אעפ"י



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3) {19} עמוד מס: 333 הודפ

אעפ"י אז לכאורה איז דאס ניט גלייך: ראובן ושמעון זיינען דאך געבארן געווארן אין ארץ כנען, און אין ארץ כנען גופא זיינען זיי געווען בד׳ אמות של יעקב, און אפרים ומנשה זיינען געבארן געווארן אין ארץ מצרים אין ערות הארץ, און נאך איידער יעקב איז געקומען אין מצרים. אעפ"כ זאגט מען אז כראובן ושמעון יהיו לי.

איז דא ניט פארשטאנדיק: פארוואס רעכנט ער אויס די נעמען אפרים ומנשה, ער זאגט דאך שוין "שני בניך", ווייס מען דאך אז ער רעדט וועגן אפרים ומנשה, ווארום מער קיין זין האט יוסף ניט געהאט, און ווי ס׳איז משמע פון דעם וואס רש"י איז מפרש אויפן צווייטן פסוק "ומולדתך אשר הולדת אחריהם - אם תוליד עוד וכו׳", איז דאך משמע אז דערווייילע האט יוסף ניט געהאט מער קיין בנים, איז פארוואס דארף ער זאגן "אפרים ומנשה"?

איז פון דעם פארשטאנדיק אז ער רעדט דא וועגן שני סוגים אין אידן: עס זיינען פאראן אידן בסוג של אפרים, און אידן בסוג של מנשה - וואסביידע זיינען געווען אין מצרים; ווארום ס׳איז דאך ידוע תורת הבעש"ט אז יעדער זאך איז בהשגחה פרטית, זיינען דא אידן וועלכע זיינען געבארן געווארן אין ארץ כנען, און עס זיינען דא אידן וועלכע זיינען בהשגח"פ געבארן געווארן דוקא אין ארץ מצרים, וואס דאס באווייזט אז זייער עבודה דארף זיין דוקא אין אן אופן זייענדיק אין אמ"צ.

און אין דעם גופא טיילן זיך אויס די שני סוגים. ד.ה אז אידן בכלל, און אידן אין זמן הגלות בפרט, זיינען פאנאנ-דערגעטיילט אויף די שני סוגים פון אפרים ומנשה. וואס אזוי איז דאס אויך אין פשטות הכתובים אז דא מיינט מען ניט אפרים ומנשה אליין, נאר מ׳מיינט די שבטים אפרים ומנשה, און ווי רש"י זאגט אז דאס איז געווען נוגע צו נחלה, דגלים ונשיא, וואס די אלע ענינים זיינען ניט געווען ביי אפרים ומנשה אליין, נאר שפעטער ווען זיי זיינען געווארן גאנצע שבטים.

אעפ"י אז זיי זיינען דאך קינדער נאר פון איין זון - יוסף, איז דאס לכאורה ניט שייכות צו אלע אידן, זאגט ער אבער אין מדרש אז אלע אידן ווערן אנגערופן על שם יוסף, כמ"ש נוהג כצאן יוסף; און אין דעם זיינען פאראן די שני סוגים פון אפרים ומנשה.

עס זיינען דא אידן וואס ענינם איז דער ענין פון אפרים, און אנדערע וואס ענינם איז דער ענין פון מנשה, און ווי זיי זיינען אין ארץ מצרים, און אין אן אופן ווי איידער יעקב איז געקומען אין מצרים; נאך פאר דעם וואס ס׳איז געווען ואת יהודה שלח לפניו להורות לפניו גשנה, און נאך פאר דעם וואס ס׳איז געווען דער בית הוראה אין מצרים, ניט ווי ביי יעקב וואס לעולם לא פסקה ישיבה, אפילו זייענדיק בבית לבן, משא"כ אין מצרים פאר דעם וואס יעקב איז געקומען, איז דאס ניט געווען; און אין דעם באשטייט די צוויי אופנים אין עבודה,



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3){17} עמוד מס : 334 הודפס

עבודה, די וואס זיינען שייכות לאורח החיים פון אפרים, און די וואס זיינען שייכות צו דעם אורח חיים פון מנשה.

דער ביאור אין דעם (וואס דאס וועט אויך געבן א הסברה פארוואס עס זיינען דא דוקא צוויי סוגים, און ניט דריי און ניט פיר): דער ענין פון מנשה איז ווי ער זאגט (מקץ מא, נא) כי נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי, אז מ'וויל אים מאכן פארגעסן אויף "כל עמלי" און אויף "בית אבי", אבער דאס גופא וואס מ'רופט עם אן מנשה, דאס גופא איז דער היפך פון פארגעסן, ווארום עי"ז דערמאנט ער זיך אלע מאל אז ס'איז דא "עמלי" און "בית אבי", און מ'וויל אים מאכן פארגעסן אויף דעם.

משא"כ דער ענין פון אפרים איז (שם נב) כי הפרני אלקים בארץ עניי, וואס דא איז פאראן נאר דער ענין פון "הפרני", און ס'איז בכלל ניטא דער ענין פון "עמלי", ווארום דער פרט אז ס'איז "בארץ עניי" שטייט ניט אין דעם נאמען "אפרים", דער פסוק זאגט עס נאר כדי צו זאגן דעם חידוש שבדבר אז דאס איז געווען "בארץ עניי", אבער אין דעם נאמען "אפרים" אליין שטייט ניט "בארץ עניי".

און דאס זיינען די שני סוגים ביי אידן, און די שני אופני עבודה: עס זיינען דא אידן וואס מ'וויל זיי מאכן פאר-געסן אז ס'איז דא "בית אבי", וואס אין קוראין אבות אלא לשלשה, אז ער איז א זון פון אברהם יצחק ויעקב, און אז ער שטאמט פון אידן, און אז מ'דארף שטענדיק געדיינקען אז עס דארף זיין "עמלי", אז א איד דארף הארעווען, ווארום וויבאלד אז אתם המעט מכל העמים און לא מרובכם, דארף מען שטענדיק הארעווען, עס דארף זיין כמ"ש (משלי טז,כו) נפש עמל עמלה לו, און ווי מ'האט אמאל (יו"ד שבט תשכ"ח) גערעגט באריכות די דריי ענינים אויף וואס אדם לעמל יולד, עמל מלאכה עמל פה און עמל תורה (סנהדרין צט,ב).

עס איז אבער פאראן נאך א סוג אידן, וואס ביי זיי איז ניטא דער ענין אז זיי דארפן שטענדיק געדיינקען אז ס'איז דא "עמלי" און "בית אבי", נאר זייער גאנצע עבודה באשטייט אין הפרני אלקים, הולך ומתרבה וגדל, די עבודה פון ופרינו בארץ - ויפרוש בארעא (תולדות כו,כב), און אין דעם באשטייט זייער גאנצע עבודה, אז מ'דארף פאנאנדערשפרייטן אין גאנצן לאנד; דאס איז דער ענין פון הפרני אלקים, ופרינו בארץ.

דאס איז די הסברה פארוואס דער פסוק זאגט "אפרים ומנשה", וואס דאס איז אויף ארויסברענגען די שני אופני עבודה וואס ס'דארף זיין אין ארץ מצרים; ווארום עס זיינען דא אזעלכע וואס מ'איז זיך משתדל אויף מאכן זיי פארגעסן אז מען דארף הארעווען און מאכן זיי פארגעסן אז ס'איז דא דער בית אבי, גיבן זיי זיך אבער א נאמען מנשה, וואס יעדער איינער וואס וויל קומען אין בארירונג מיט אים דארף אים רופן מיט דעם נאמען, איז דאס גופא דערמאנט אים אז ס'איז דא די וואס ווילן

דיר



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3) {19} עמוד מס : 335 הודפ

דיר מאכן פארגעסן און מ'טאר דאס ניט טאן, נאר מ'מוז אלע מאל געדיינקען אז עס דארף זיין עמלי און בית אבי, און ס'איז דא דער אנדער אופן אין עבודה פון אפרים - הפרני אלקים.

און עי"ז וואס מ'פירט זיך אין אזא אופן, אז ניט קוקנדיק וואס מ'געפינט זיך אין מצרים ערות הארץ, ווערט מען ניט נתפעל פון די אלע וואס זיינען ארום, וואס ווילן מאכן פארגעסן, און מ'געדיינקט שטענדיק אז ס'איז דא "עמלי" און "בית אבי", האט מען דעמאלט דעם יתרון האור מתוך החושך,

ובפרט ווי דער ענין איז דא ביי יוגנט, וואס ביי זיי איז שטארקער די טבע ההתנגדות, אז אעפ"י די סביבה וויל מאכן פארגעסן אז ס'איז דא עמלי ובית אבי, גייט מען ארויס מיט א שטורעם, ובפרט אז ס'איז א זמן וואס מ'ווערט ניט נתפעל פאר הורים ומורים; זאל מען דאס אויסנוצן אין קדושה, ביז מ'קומט צו דער עבודה פון אפרים, אז הפרני אלקים, איז עי"ז פועל'ט מען אז מ'וועט כראובן ושמעון יהיו לי.

וואס אזוי איז דאס ביי יעדער איד אין זיין ירידת הנשמה בגוף, ווארום "בכל יום ויום חייב אדם לראות עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים", ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא (פמ"ז), ווארום וויבאלד אז די נשמה ירדה בגוף איז דאס אן ענין פון מצרים, דארף זיין די עבודה פון מנשה, ווארום ביי אים אליין איז דא דער א-ל זר אשר בקרבך וואס וויל אים מאכן פארגעסן אויף עמלי ובית אבי, און מ'דארף פון דעם ניט נתפעל ווערן, און דערנאך ווערט "הפרני אלקים" - און ע"י די צוויי עבודות פון אפרים ומנשה האט מען בכח אז מ'קען ווערן כראובן ושמעון.

און דורך דעם איז אעפ"י וואס מ'געפינט זיך אין מצרים, שטעלט מען אויף צבאות ה', המוגים המוגים, וואס וועלן בקרוב ממש ארויסגייין מקבל זיין פני משיח צדקנו, ותשובה ותורה ומעשים טובים בידם.

ב. עפ"י האמור לעיל, אז יעדער זאך וואס איז דא אין תורה איז ניט קיין הכנה און א הקדמה אויף א צווייטע זאך, נאר דאס איז א תכלית לעצמו, וואס אזוי איז דאס אין כללות התורה און אין אלע פרטים, און אויך אין סדר פון תורה - איז וויבאלד דאס איז אזוי אין תורה, קומט דאס שפעטער אויך ארויס אזוי אין וועלט, ווארום ס'איז דאך אסתכל באורייתא וברא עלמא,

וועט לפי"ז ועפ"י וואס מ'האט גערעדט פריער, ווערן פארשטאנדיק א סתירה וואס ס'איז דא לכאורה אין דעם ענין: עס ווערט דערציילט אין פסוק די שקלא וטריא און דינגעניש צווישן יעקב מיט יוסף וועגן דער ברכה ביד ימין, וואס יעקב "שכל את ידיו", אעפ"י וואס מנשה איז געווען דער בכור, און פונדעסט-וועגן האט יעקב געבענטשט אפרים מיט דעם יד ימין, און האט געזאגט צו יוסף'ן אז "ידעתי בני ידעתי וגו' וגם הוא יגדל ואולם אחיו הקטן יגדל ממנו וזרעו יהי' מלא הגוים",

איז לכאורה

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3) {19} עמוד מס: 336 הודפ

איז לכאורה ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז מנשה איז געווען דער בכור, וואלט ער טאקע געדארפט קריגן די ברכה ביד ימין, און אזוי איז דאך געווען אויך דעת יוסף אז מנשה דארף האבן די ברכה ביד ימין, ווייל ער איז געווען דער בכור, און מען זאגט דאך "אלה תולדות יעקב יוסף", און ער איז געווען "דער בן זקונים", אז יעקב האט אלץ געלערנט מיט יוסף'ן, איז דאך יוסף'ס דעה אויך א דעה, איז פארוואס יעקב'ס דעה געווען אנדערש?

נאך מער: אויב עס האט טאקע געדארפט זיין אז אפרים זאל האבן די ברכה ביד ימין, ווייל "אחיו הקטן יגדל ממנו", איז פארוואס טאקע מנשה געבארן געווען פריער; יעדער זאך בתורה איז דאך ניט בדרך מקרה, נאר אזוי האט געדארפט זיין דער ענין; איז אויב אפרים קומט דער יד ימין, איז פארוואס טאקע מנשה געבארן געווארן פריער?

נאר עפ"י וואס מ'האט גערעדט פריער איז דאס פארשטאנ-דיק, אז מצד ההולדה דארף טאקע זיין אז מנשה זאל זיין פריער, משא"כ מצד דער ברכה דארף אפרים זיין פריער: והביאור: לידה איז אן ענין שבפועל, און מצד עבודה בפועל דארף פריער זיין די עבודה פון מנשה, אז מ'זאל ניט פארגעסן אז עס דארף זיין "עמלי" און אז ס'איז דא "בית אבי", און דערנאך ערשט קומט די עבודה פון אפרים, די עבודה פון "הפרני אלקים", משא"כ מצד דער ברכה, וואס ענין הברכה איז דאס א המשכה, מלשון המבריך את הגפן, ד.ה. די המשכה און נתינת כח אויף דער עבודה - מצד דעם דארף פריער זיין "הפרני".

ד.ה. אז מצד העבודה דארף מען אנהויבן מיט מנשה, און דערנאך קען ערשט זיין די העכערע עבודה פון "הפרני", אבער כדי מ'זאל קענען אנהויבן מיט די עבודה פון מנשה דארף מען פריער וויסן אז דער הכלית איז מ'זאל צוקומען צו "הפרני".

וואדום לכאורה קען ער דאך פרעגן א שאלה: פארוואס דארף איך טאקע האבן "עמלי", הארעווען און געדיינקען אז עס איז דא דער בית אבי, לכאורה קען איך זיך פירן ווי מצרים, ווי בית אבי, און דעמאלט וועט דאך זיין גרינגער; און אויב דער אויבערשטער האט געוואלט אז איך זאל געדיינקען אז ס'איז דא דער "בית אבי", וואלט איך געדארפט געבארן ווערן אין ארץ כנען ביי יעקב, און וויבאלד אז איך בין געבארן געווארן אין ארץ מצרים, איז א סימן אז איך דארף זיך פירן ווי אין ארמ"צ.

אויף דעם זאגט מען, פריער קומט דער ענין פון "הפרני אלקים בארץ עניי", אז מען דארף פריער וויסן די כוונה פון גלות, אז די כוונה איז אז דוקא אין "ארץ עניי" זאל זיין "הפרני אלקים", וואס דערפאר ביסטו געבארן געווארן אין ארץ מצרים, אויף דארט מאכן "הפרני אלקים",

און נאך דעם אז מ'וויים די כוונה פון גלות, פארוואס מ'דארף זיין אין ארץ מצרים, קען מען דערנאך אנהויבן די עבודה בפועל; פריער "מנשה", דער ענין פון סו"מ און דערנאך "אפרים",

דער ענין



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3){19} עמוד מס : 337 הודפס

דער ענין פון עשה טוב, ווארום עס קען דאך ניט זיין די עבודה פון "אפרים" ביז מ׳וועט פריער האבן די עבודה פון "מנשה", אז מ׳זאל ניט פארגעסן אויף עמלי און בית אבי.

עפי"ז זיינען מובןביידע ענינים: קודם העבודה מוז זיין די המשכה פון דעם געדאנק אז די כוונה פון גלות איז, אז דוקא אין מצרים קען זיין דער הפרני אלקים, וואס דערפאר אין דער ברכה האט פריער געדארפט זיין אפרים, און דערנאך ערשט קען קומען די עבודה בפועל פון פריער מנשה, אתכפיא, און דערנאך אפרים, אתהפכא.

און דוקא ע"י"ז וואס מ׳וועט פריער וויסן די כוונה פון גלות, אז מ׳דארף זיין אין ארץ מצרים, ווארום דוקא דארט קען זיין דער אמת׳ער "הפרני", אבער אין ארץ כנען קען דאס ניט זיין, איז דעמאלט פאראן דער יתרון האור מתוך החשך; דוקא דארט קען זיין דער אמת׳ער עילוי, און אמיתית ענין פון הפרני.

דערפאר געפינט מען אויך אז ביי יעקב איז געווען דער ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה, אז די בעסטע יארן פון יעקב זיינען געווען די שבע עשרה שנה, און אויף די פריערדיקע יארן האט יעקב געזאגט (ויגש מז,ט) "מעט ורעים היו ימי שני חיי", וואס דאס איז ווי מ׳האט געענטפערט דעם צ"צ, אז זייענ-דיק אין מצרים בשעת מ׳האט געלערנט תורה און ס׳איז געווען ואת יהודה שלח לפניו גו׳ להורות לפניו גשנה, אז אויך דארט איז מען געווארן נאענט צום אויבערשטן, דערפאר איז אין מצרים געווען די בעסטע יארן, ווארום דוקא אין "ארץ עניי" קען זיין דער אמיתית הענין פון "הפרני",

וואס דאס איז אויך דער כללות הענין פון ירידת הנשמה למטה, אז דאס זאל אראפקומען אין דעם גוף, ווארום דוקא ווי די נשמה טוט די עבודה זייענדיק למטה קען זי צוקומען צו דעם העכסטן עילוי.

דאס איז אויך די הוראה לכל אחד ואחד, ווארום די ברכת פון אפרים ומנשה איז שייך לכל אחד, וכמובן פון דעם וואס די ברכת הבנים איצטער איז המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים וגו׳, וואס דאס איז די ברכת אפרים ומנשה; דארף מען וויסן אז עס זיינען דא אידן וואס זיינען געבארן געווארן אין ארץ מצרים, און אין אן אופן אז ביז היינט האבן זיי ניט גע-וואוסט אז ס׳איז דא די מציאות פון יעקב אין ארץ מצרים און אז יעקב האט אויפגעשטעלט א בית הכנסת און א ביח המדרש,

דארף מען זיי דערמאנען אז עס דארף זיין עמלי און בית אבי, און אז מ׳דארף זיך פירן ווי בית אבי, ביז מ׳דארף צוקומען צו דעם הפרני אלקים בארץ עניי, אז ניט קוקנדיק וואס מ׳געפינט זיך אין "ארץ עניי" זאל אעפ"כ זיין דער "הפרני", ואדרבא, דוקא אין "ארץ עניי" קען זיין דער "הפרני".

דערפאר איז ביי יעקב געווען די שבע עשרה שנה וואס ער איז געווען אין מצרים די בעסטע יארן, אפילו אז דאס איז נאר געווען זיבעצן יאר לגבי הונדערט און דרייסיק יאר; וכש"כ ביי די





הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

ביי די וואס רוב שנותיהם איז דאך בעתיד, קען דער גרעסטער
עילוי זיין דוקא אין ארץ מצרים זייענדיק אין גלות.

אזוי איז דאך אויך ביי יעדן איינעם, וואס ביי זיך
איז דאך דא דער א-ל זר אשר בקרבך, וואס דאס איז ניט ער
אליין, נאר דאס איז א צווייטע זאך, ווי דער אלטער רבי זאגט
אין תניא (פכ"ח) אז בשעת ס'פאלט אריין א מחשבה זרה בשעת
התפלה איז דאס אזוי ווי א גוי וואס שטייט און איז אים מבלבל,
איז דאס ניט ער אליין, און דוקא עי"ז וואס מ'ווערט ניט
נתפעל פאר דעם און מ'טוט די עבודה פון "מנשה" ביז מ'קומט
צו דער עבודה פון "אפרים", דעמאלט ווערט דער "הפרני אלקים".

ס'איז ניט גענוג וואס ער דערמאנט <u>זיך</u>, נאר ער דארף
אויך דערמאנען א צווייטן איד, וואס דאס איז דער ענין פון
פרו ורבו, אז מ'דארף מאכן נאך א איד, וואס דאס איז די מצוה
ראשונה שבתורה, און ניט נאר אין זמן נאר אין מעלה וחשיבות,
וואס דאס איז אויך א הכנה אויף משיח, וכמארז"ל (יבמות סב,
א) אין בן דוד בא עד שיכלו כל נשמות שבגוף, וואס דאס איז
אלץ תלוי במעשינו ועבודתינו מטך זמן הגלות (חסר הסיום).

ג. מאמר כעין שיחה עה"פ יהודה אתה יודוך אחיך וגו'.

ד. בהמשך צו וואס מ'האט גערעדט פריער (בהמאמר) וועגן
"יהודה אתה", וועט מען זיך אויך אפשטעלן אויף א רש"י (וואס
כנהוג איז מען אויך מבאר א פירוש רש"י), וואס איז שייכות
צו יהודה, אויף דעם פסוק "גור ארי' יהודה".

רש"י (מט,ט) שטעלט זיך אויף "גור ארי'" און איז
מפרש: "על דוד נתנבא [און דערפאר שטייען דא צוויי עניינים:
גור און ארי', וואס גור איז א קטן (ולכאורה וואס איז דער
שבח אין דעם, נאר) ביי דוד זיינען געווען צוויי זמנים]
גור בהיות שאול מלך עלינו אתה היית המוציא והמביא את ישראל
ולבסוף ארי' כשהמליכוהו עליהם. וזהו שתרגם אונקלוס שלטון יהא
בשרויא, בתחלתו [אז אויך בשעת ער איז געווען נאר א "גור"
איז ער אויך געווען שלטון]".

וואס עפי"ז איז אויך פארשטאנדיק פארוואס רש"י ברענגט
אראפ דעם גאנצן פסוק - אויך די התחלה "בהיות שאול מלך עלינו",
ווייל דאס ברענגט ארויס אז אויך בשעת ער איז געווען א "גור",
נאך פאר דעם וואס ער איז געווארן א מלך, איז ער אויך געווען
א שלטון.

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "מטרף" און איז מפרש:
"ממה שחשדתיך בטרוף טורף יוסף חי' רעה אכלתהו וזהו יהודה
שנמשל לארי'". און דערנאך שטעלט ער זיך אויף "בני עלית" און
איז מפרש: "סלקת את עצמך ואמרת מה וגו', וכן בהריגת תמר
שהודה צדקה ממני, לפיכך כרע רבץ וגו' בימי שלמה איש תחת
גפנו וגו'".

זיינען פאראן אין רש"י כמה דיוקים, ביז עס איז אויך
פאראן א קלאץ קשיא, און אנהויבנדיק מיט די דיוקים איז דא
גלייך ניט פארשטאנדיק:

(א:

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3) {19} עמוד מס : 339 הודפס